
בס"ד
ערש"ק פ' עקב
אָז אַ גְמוֹר
מ'גיימיר ענדיגן
אויסצאלן אונזער
שותפות!
מ'גיימיר גומר
זיין דעם מקח!
חסידי סקווירא בשותפות קודש
מבצע האדיר
והראנו בבנינים
לרכישת המתחם הגדול
והבנינים
לישיבות
הקדושות
דחסידי סקווירא
ניו ווינדסאר, ניו יארק
אִם הִתְחַלְתָּ בְּמִצְוָה
גְּמוֹר אוֹתָהּ שֶׁאֵינָהּ
נִקְרֵאת הַמִּצְוָה אֶלָּא
עַל שֵׁם הַגּוֹמְרָהּ!
רש"י בפרשתן



# א קליינער שטופ

אויף שפעטער, וואס גיט אונז בס״ד

# א גרויסער שטופ!

**פארשריט-שמועס מיט חברי הוועד איבער'ן יעצטיגן אנטוויקלונג פון 'כָּל עַכָּבָה לְטוֹבָה' און נאך נייעס ארום דעם מקח האדיר**

זינט די אינפארמאטיווע שמועס וואס מיר האבן אפגעהאלטן די פארגאנגענע וואך מיטן חשובן עסקן, איבערגייענדיג די הייליגע פעולות און פלענער אויף ווייטער, זענען צוגעקומען עטליכע באדייטנדע אנטוויקלונגען וואס די עסקנים ווילן מיטטיילן מיטן ציבור.

אלזא האבן מיר געכאפט א קורצע שמועס מיטן חשובן עסקן און געהערט איבער די פרישע אנטוויקלונגען, און וואספארא אימפאקט דאס וועט האבן אויפן פראיעקט.

## ◊ א גוטן כבוד העסקן, איז אמת אז מען האט אפגעשטופט די קלאוזינג דאטום, וועלכע איז לכתחילה געווען באשטימט אויף די וואך פרייטאג?

יא. די קלאוזינג דאטום איז געווארן אפגעשטופט, אויף די ביטע פון די עסקנים.

## ◊ פארוואס האט מען עס געזוכט אפצושטופן?

ווי ערוועגט ביי אונזער לעצטן שמועס, פעלט נאך א חלק פון די געלט וואס מיר דארפן האבן צו קענען גומר זיין אויפן מקח, און די געלטער וועלן מיר דארפן שאפן דורך באנק הלוואות. די פראקטישסטע אפציע וואלט געווען צו נעמען א מארטגעדזש אויפן שטח, אבער דער פראצעדור נעמט א ווײלע, און אויף דערווייל וואלטן מיר געווען געצווינגען צו ארויסנעמען א הארד מאני לאון, וועלכע איז פיל טייערער.

אצינד אז מיר האבן מצליח געווען אפצושטופן די דאטום, וועט זיין מער צייט צו ווערן באשטעטיגט פארן מארטגעדזש.

דער גרעסערער בענעפיט איז באמת, אז דער ציבור וועט האבן מער צייט צו אויסצאלן זייערע התחייבות'ן, און פארקלענערן די סומע וואס מיר וועלן דארפן בארגן, און דערמיט שפארן גרויסע געלטער אין אינטרעסט.

דא איז די פלאץ ארויסצוברענגען, אז מיר האבן נישט אפלייעט פאר א מארטגעדזש אין די פולע סומע וואס פעלט אונז נאך, נאר מיר האבן אויסגערעכנט די מאקסימום וויפיל די מוסדות וועט קענען דערהייבן צו צאלן, און די איבריגע געלט וואס פעלט נאך וועט מוזן אנגעפולט ווערן דורך אנשי שלומינו וועלכע וועלן זיך אנשטרענגען און קעגנקומען די עסקנים מיט די פולע צוגעזאגטע נדבות.

אין די זעלבע צייט איז דאס א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר די וועלכע האבן נאכנישט געהאט די מעגליכקייט אויפצוקומען מיט די געלטער צו ממלא זיין זייער נדבה, און וועלן יעצט האבן נאך עטליכע וואכן צו צוזאמשטעלן דאס געלט, און אויך זוכה זיין צו ערהאלטן די זעלטענע מתנות מיד כ״ק מרן רבינו שליט״א.

## ◊ קען מען לעגאל טוישן דער קלאוזינג דאטום וואס מען האט אפגעמאכט?

אין געווענליכע פעלער קען מען טאקע נישט אפשטופן פון די אריגינעל באשטימטע דאטום, אבער דא האבן מיר געזען א געוואלדיגע סיעתא דשמיא, ווען די עסקנים האבן געפונען א סעיף אינעם קאנטראקט וועלכע מען דארף נאך אויסקלארן, און א ריכטער וועט דארפן ארייננקוקן דערין, אזוי אז די קלאוזינג איז געווארן אפגעשטופט אויף ביז א ריכטער וועט אויסהערן די מיספארשטענדעניש און עס שליכטן.

## ◊ איז שוין באשטימט געווארן א פרישער דאטום?

ווי געזאגט, ווענדט זיך עס אין דעם ריכטער, און ווי שנעל מען קען עס ארויפברענגען אין געריכט. זיי ארבעטן אז דאס זאל שוין אדרעסירט ווערן נאך בעפאר די 'לעיבאר דעי' חגא, אבער ווארשיינליך וועט עס זיין אין די טעג נאכדעם.

נאכדעם וואס דער ריכטער וועט אורטיילן, וועט עס נאך נעמען א וואך-צוויי צו מסדר זיין די טוישונגען, און די קלאוזינג איז ערווארטעט פארצוקומען ארום א חודש שפעטער ווי די אריגינעל באשטימטע דאטום,



דאס הייסט אין ארום 4 וואכן, וואס קומט אויס ארום חצי אלול הבעל"ט בעז"ה.

## ◊ וועט דאס אפשטופן אפעקטירן די פראצעדורן צו קענען אנהייבן די בוי ארבעט?

ניין, אדרבה, עס איז גאר א טובה. מיר זענען יעצט אין די פראצעדור פון ערהאלטן די אפראוועלס צו קענען רענאווירן דאס פלאץ, ווי ברייט איסגעשמועסט אינעם פארגאנגענעם שמועס, און עס מאכט נישט אויס צי מען האט שוין פאקטיש געקלאוזט. פון די אנדערע זייט, אויב וואלטן מיר טאקע געקלאוזט די וואך, און מען וואלט נאכנישט געקענט אנהייבן בויען, וואלטן מיר געדארפט צאלן צענדליגער טויזנטער דאלארן אין מארטגעדזש פעימענטס בעפאר מען קען אפילו אנהייבן גרייט מאכן דאס פלאץ, א זאך וואס מיר האבן יעצט פארשפּאָרט דורכן אפשטופן די צייט ווען מען הייבט אן צאלן מארטגעדזש.

## ◊ וויאזוי האט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א רעאגירט צו די פרישע אנטוויקלונג?

ווען די עסקנים זענען אריין צום רבין שליט"א מבשר זיין איבער די אנטוויקלונג, האט דער רבי איבערגעזאגט וואס דער רבי זי"ע האט אים אמאל געזאגט אין א געלעגנהייט ווען עפעס איז אפגעשטופט געווארן, אז "כל עכבה לטובה", און אנגעווינטשן אז אלעס זאלן פאלן אין פלאץ.

דערביי האט דער רבי זיך אויסדרוקענדיג מיט שמחה **"יעדן טאג קומט מען אריין מיט נדבות"!**

## ◊ אין א באזונדערער 'כל עכבה לטובה' אינצידענט, האבן די תלמידי המתיבתא וועלכע האבן זיך אריינגעצויגן פאר עטליכע טעג אינעם בנין אין דעם נייעם

## קריי' - אויף א גדינגענעם פארנעם, געמוזט פארלאזן דאס פלאץ פון איין מינוט צום צווייטן. וואס קען מען זאגן מער דערוועגן און וואס האט דאס אויסגעמאכט לגבי דעם מקח?

יא ריכטיג, ווי באקאנט איז פארהאן די מתיבתא מאור יעקב וואס האבן נישט קיין קביעות'דיגע מקום צו לערנען, וואס טאקע דערפאר האט דער רבי שליט"א אונז באאויפטראגט צו טרעפן און צו קויפן דאס שטח און בנינים, איז נאכדעם וואס די פריערדיגע סקול איז ארויס פון די פלאץ, האבן מיר גערדינגן איינע פון די בנינים וואס האט אין זיך א דארמיטארי און א גרויסע היכל, אויף ביז דאס פלאץ ווערט אפגעקויפט אויף פערמענאנט, און מ'האט דאס איינגערישט מיט אונזערע געברויכן, ווי א ביהמ"ד וכו'

נאך עטליכע טעג האט זיך די פייער אלארעם צוקלינגן, און די אינספעקטארן האבן געפונען אז די פייער אלארעם סיסטעם איז נישט מסודר, און פארשיקט די בחורים פון דארט (קוקט אויס אז מ'האט נאכנישט געהאט יוצא געווען דעם הוי גולה למקום תורה און מ'האט ווידער געדארפט וואנדערן פון איין פלאץ צום צווייטן, קודם אין א זאל אין שטעטל און דערנאך צו א געדינגענע פלאץ).

טראצדעם וואס עס איז געווען זייער שווער סיי פאר די בחורים ארויס צו גיין נאכן טועם זיין א ערנסטע טעימה קלה פון די געשמאקייט פון די נייע פלאץ, און שוין געפילט וואס עס ערווארט זיי אפ בקרוב ממש אי"ה, אויך איז עס געווען שווער סיי פאר די הנהלה רוחני אז ווידער דארף מען גיין אין גלות, און סיי פאר די הנהלה גשמי וועלכע האט זיך געדארפט ספראווען מיט די פרישע בארג אויפן קאפ, האט זיך ארויס געשטעלט גאר א שטארקע טובה דערפון.

דער פאזיטיווער אויסקום דערפון איז געווען אז אזוי האבן מיר געזען אסאך פארשידענע זאכן וואס מען האט נאך געדארפט מסדר זיין און פאררכטן אויף דער לעגאלע פראנט, און אזוי ווערט עס שוין געטון יעצט בעפארן קלאוזן, און עס ווערט נאך באצאלט דורך די יעצטיגער לענדלארד / בעה"ב וואס דארף אונז צושטעלן די פלאץ מיט די אלע זאכן מסודר פון פאראויס.

ווען מיר געפינען אויס די פראבלעמען מיטן פייער אלארעם סיסטעם, און די אנדערע פראבלעמען נאכן קלאזן, איז דאס אויף אונזער אייגענע אחריות, און מיר וואלט זיך געדארפט פארמעסטן מיט די לעגאלע זיכערהייט פארלעצונגען, און עס וואלט געדארפט פארראכטן ווערן אויף אונזער קאסטן.




## ◊ א דאנק פארן אוועקגעבן פון אייער צייט, זאל דער אויבערשטער העלפן אז פון דא און ווייטער זאל אלעס פארן געשמירט אן קיין שטערונגען.

אט אט:

# וּבָאתֶם וִירִשְׁתֶּם אֶת הָאָרֶץ!



סְנֵגוֹרָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל

# דער באַרדיטשובער זאַלץ...

דער ראחמיסטריווקער רבי שליט"א פון ירושלים רופט אן זאלץ מיטן טיטל "דער בארדיטשובער"...

פארוואס?

ווייל עס איז דאס א תוספות אין מסכת ברכות (תוס' מסכת ברכות מ ע"א ד"ה הבא מלח) אז רבינו מנחם פון די הייליגע מבעלי התוספות, האט זייער מקפיד געווען צו האבן אלעמאל זאלץ אויפן טיש, ווייל דער מדרש ברענגט אז ווען אידן זיצן ביים טיש און ווארטן אז יעדער זאל זיך ענדיגן וואשן נטילת ידים, איז דער שטן מקטרג ר"ל אז אידן זיצן ליידיג אנע מצוות, און דאן איז די זאלץ, וואס איז דאך דער ברית מלח, מגין אויף זיי!.

נו, איז דאך די זאלץ א מליצה ישרה פאר אידישע קינדער, געוני ווי דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע איז געווען דער מליץ יושר מיטן הא הידועה, דעריבער רופט ער דאס אן "בארדיטשובער".

**הגה"צ אב"ד לימינוב שליט"א**

בשיעור פרקי אבות שב"ק ואתחנן-
נחמו העעל"ט בביהמ"ד הגדול



חסידי סקווירא, איר קענט
זוכה זיין צו באקומען
מידיו הק' פון כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

# א מסוגל'דיגער הערליכער זילבערנע
# זאלץ מעסטל

· דערין משיירי המלח משולחן המלך פון די של"ס טיש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ·



מיטן השתתפות פון לכה"פ

**$7,200**

**בני תורה $5,400**

וואס וועט פארטיילט ווערן לקראת ימי הרחמים והסליחות
ביי א מעמד מיוחד בבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# שערי זכיות

זכותים נצחיים
בהבנינים החדשים

## ישיבה גדולה קול יעקב

על שם אבינו רוענו קדושנו קדוש יעקב כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה

**זכות שם הבנין**
$720,000

**זכות היכל הבית מדרש**
$360,000

**זכות חדר האוכל** ובית התבשיל
$180,000

נמכר
**זכות המקוה**
$250,000

דריי שטאק - 34 חדרים
**זכות קומת חדרי השינה**
$180,000

2 נמכר
3 זכותים
**חדרי השיעורים**
$72,000

**זכות חדר הקאווע**
$36,000

## מתיבתא מאזר יעקב

על שם אבינו רוענו קדושנו קדוש יעקב כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה

**זכות שם הבנין**
$500,000

נמכר
**זכות היכל הבית מדרש**
$250,000

**זכות המקוה**
$180,000

צווי שטאק - 24 חדרים
**זכות קומת חדרי השינה**
$180,000

**זכות חדר האוכל** ובית התבשיל
$100,000

**זכות חדר הקאווע**
$36,000

2 זכותים
**זכות ארון הקודש**
$72,000

2 זכותים
**זכות הבימה**
$36,000

20 זכותים
**זכות ארונות הספרים**
$5,000

## דאס זענען אייביגע אינוועסטמענטס!

וואס איר קענט זיך איינהאנדלען, און דערמיט האבן אן השקעה נצחי אין ערציען ערליכע חסידישע בחורים, און פארברייטערן דעם מעכטיגן תורה-פעסטונג.

וְהַזְּכוּתִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים
**מִשְׁפָּחָה וּמִשְׁפָּחָה**
וְזִכְרָם לֹא יָסוּף מִזַּרְעָם!

## מערערע משפחות אנ"ש
שטעלן זיך צוזאם אפצוקויפן א שותפות'דיגע

# הנצחת המשפחה

## אין די בניני הישיבה

**לזכות הוריהם שיחיו אדער לע"נ הוריהם וזקיניהם היקרים ע"ה**

א גרעסערע זכות, וואס וועט אי"ה אויסגעצאלט ווערן דורך די "גאנצע משפחה" בשותפות.




## אייער פאמיליע קען אויך!

נעמט צוזאם אייערע פאמיליע מיטגלידער, שמועסט אפ אייער זכות, און רעזערווירט דאס גלייך ביי די עסקנים.

רעזערווירט אייך אן הנצחה ווי לאנג ס'נאך דא!

**פארבינדט אייך היינט מיט די עסקנים**

| | |
|---|---|
| הרב **יעקב יוסף טווערסקי** שליט"א | מוה"ר **אהרן סיגל** הי"ו |
| הרה"ח ר' **יודל שפיטצער** שליט"א | מוה"ר **חזקי' יוסף בערגער** הי"ו |
| הרב **איתמר כ"ץ** שליט"א | מוה"ר **שלום אלי' פעלבערבוים** הי"ו |
| הרב **וועלוול** בהראמ"מ **טווערסקי** שליט"א | מוה"ר **יואל גאלדמאן** הי"ו |
| מוה"ר **יודל בירנהאק** הי"ו | מוה"ר **אברהם דוד וואלאדארסקי** הי"ו |

### די שלוחי הקודש המיוחדים פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

| | |
|---|---|
| הרב אביגדור פעלבערבוים שליט"א | 845.263.6127 |
| הרב מרדכי שלמה אפטער שליט"א | 845.329.4271 |
| הרב מרדכי שלמה זלמן ברוין שליט"א | 845.659.9190 |
| הרב אברהם ישעי' סיגלער שליט"א | 845.422.2020 |




פאר סיי וועלכע שאלות איבער תרומות ותשלומין שפירט פריי ארייננצוריפן אין די משרדי המבצע:

**845.678.9855**

**גיבט שטענדיג אריין אייערע תשלומין און נדבות אויף איינע פון די אופנים:**

| | | |
|---|---|---|
| **קופת התרומות בביהמ"ד**<br>אונטן צווישן די אלטע און נייע ביהמ"ד | **דורך דעם אויטאמאטישע פעימענט סיסטעם**<br>845.678.9855 #2 | **צו צאלן דורך QuickPay**<br>office@vehareinuskver.org |